לצמיחה והתחלת הצמיחה בזמן פון דער גאולה. ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא[58], אַז די גילויים דלעתיד זיינען „תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות, כי הגורם שכר המצוה היא המצוה עצמה". ד.ה. אַז דאָס וואָס עס טוט זיך אויף לימות המשיח ותחיית המתים איז ניט קיין באַזונדער זאַך פון ענין הגלות, נאָר דאָס איז די „צמיחה", וואָס „וואַקסט אויס" פון עבודת ה„זריעה" בזמן הגלות.

און דאָס איז די הוראה פון די שמות הסדרות „תזריע־מצורע" בעבודת כל אחד:

אַ איד דאַרף לערנען תורה ומקיים זיין מצות מיט קבלת עול, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן.

קען ער טראַכטן אַז ס'איז קיין נפק"מ ניט כלל וואָס די עבודה טוט אויף[59],

— איז אויף דעם די הוראה, אַז (ביחד עם הנ"ל) איז אין „מעשינו ועבודתינו" פון זמן הגלות דאַרף דערהערט ווערן אַז דאָס איז אַן ענין פון „תזריע" וואָס ברענגט די „צמיחה", דעם גילוי פון משיח צדקנו; ובמילא, אַז די גילויים דלעתיד זיינען ניט קיין באַזונדער ענין, נאָר אַ המשך ותוצאה פון דער עבודה פון גלות (ע"ד „תזריע־מצורע", כנ"ל) — די צמיחה וואָס קומט פון דער עבודה אין גלות.

ט. אין דעם פאַרבונד פון דער עבודה בזמן הגלות (תזריע) מיט ביאת המשיח (מצורע) זיינען אָבער דאָ כמה אופנים: אע"פ אַז יעדער איד איז מאמין אין ביאת המשיח און איז „מחכה לביאתו", וואָס דאָס איז אַ יסוד פון די יסודות האמונה אין וועלכן אַלע אידן זיינען גלייך — קען אָבער זיין אַ חילוק אויף וויפל דאָס איז פאַרבונדן מיטן לימוד התורה וקיום המצות, מיט מעשינו ועבודתינו פון אַ אידן:

ער קען לערנען תורה און מקיים זיין מצות וויסנדיק אַז דאָס איז „תזריע", אַז דאָס ברענגט משיח'ן, אָבער צו „אים" (צו זיין עבודה) האָט דאָס ניט, ווייל — א) ניט צוליב דעם לערנט ער תורה און איז מקיים מצות. ב) אים אַרט ניט אַז די גאולה וועט זיין אין אַ שפּעטערדיקן זמן, אין אַ זמן שפּעטער (קריאת מצורע בשבוע בפ"ע) — ביז אַן אַנדער דור ח"ו. „ער" באַנוגנט זיך און איז צופרידן מיט דעם וואָס ער לערנט תורה, איז מקיים מצות און מאַכט די זריעה אויף דער גאולה.

אויף דעם איז די הוראה, אַז ברוב השנים זיינען די ביידע סדרות מחוברות, און אַ כלל גדול בתורה איז — שעל הרוב תדבר[60] און אַ דין עיקרי בהלכה למעשה בפועל איז — אזלינן בתר רובא[61] —

ד.ה. עס דאַרף זיין דער חיבור פון תזריע און מצורע, און אַזוי בשלימות, אַז — כמנהג ישראל אומעטום — אַז מ'פּרעגט ביום ראשון פון דער וואָך (אָדער בשאר הימים) פון וועלכער וואָך, איז דער ענטפער בפשטות: פון פרשת תזריע מצורע,

זיין עבודה אין גלות דאַרף זיין דורכגענומען מיט דער שטענדיקער צפּי'[62] און שטרעבונג צו דער גאולה, אחכה לו

58) רפל"ז.

59) ובל' הידוע אילו נצטווה לחטוב עצים (לקו"ת שלח (מ, א). וראה מו"נ ח"ג פנ"א בהערה).

60) מו"נ ח"ג פל"ד.

61) חולין יא, א. ובכ"מ.

62) ראה פסיקתא רבתי רפל"ו: איזה אור שכנסת ישראל מצפה זה אורו של משיח. וראה שבת לא, א: צפית לישועה (וצ"ע בפרש"י שם). זח"א ד, סע"א. קמ, א. ועוד.



בכל יום שיבוא[63]. און וויבאַלד אַז אני נבראתי לשמש את קוני[64], דאָס איז די עבודה פון דעם אידן כל היום, דערהערט ער אין זיין קיום התומ"צ, אַז דאָס ברענגט און איז ממהר די גאולה[64*].

יוד. אָבער דאָס גופא קען זיין אויף צוויי אופנים:

א) ער דערהערט ווי זיין עבודה, „תזריע", איז אַ זריעה וואָס וועט ברענגען די צמיחה, די גאולה, אָבער דאָס איז אין אַן אופן פון „זאת תהי' בהויתו תהא"[65] — אַלס נאָך אַ זאַך, וואָס וועט זיין בנפרד; ער האַלט טאַקע בּאַ „אחכה לו בכל יום שיבוא" און די עבודה איז צוליב דעם „שיבוא" — בּאַ אים הערט זיך דאָס אָבער ווי נאָך אַן ענין, אַז דורך מעשינו ועבודתינו ברענגט מען אַראָפּ און מ'איז ממהר (אַ באַזונדער ענין) ביאת משיח צדקנו, ובפרט „זכו — אחישנה"[66].

ב) אַ העכערער אופן איז, אַז בּאַ אים איז „תזריע ומצורע" מחוברות — דער אחכה און קווינו כל היום צו דער גאולה וואָס ווערט נרגש בכל יום אין זיין עבודת „תזריע", איז ניט נאָר אַז יעדע זיין עבודה וועט גלייך גורם זיין „שיבוא", נאָר אַז די גאולה העתידה איז איין זאַך מיט תוכן עבודתו („תזריע־מצורע" ווערן איין פרשה) — ווייל ביאת המשיח איז די צמיחה ובמילא די שלימות פון זיין זריעה:

ויש לקשר זה דערמיט וואָס דער ענין פון משיח'ן איז וואָס דעמולט וועט זיין

די שלימות אין תורה און די שלימות[...] אין מצות, תשבי יתרץ קושיות[...] ואבעיות[67] משיח יגלה טעמי תורה[68] כו[...] ילמד תורה[69], וכו'

כולל — בלשון הרמב"ם[70]: המלך[...] המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות[...] דוד ליושנה לממשלה הראשונה ובונה[...] המקדש ומקבץ נדחי ישראל וחוזרין כל[...] המשפטים בימיו כשהיו מקודם, מקריבי[...] קרבנות ועושין שמטין ויובלות ככ[...] מצותה האמורה בתורה".

ווי מבואר במ"א[71] אַז דערמיט גי[...] דער רמב"ם אַרויס אַ הלכה, אַז דע[...] גדר פון משיח'ן איז, וואָס ער ברענגט[...] צוריק די שלימות הלכות ומצות התורה[...] און דאָס זאָגט דער רמב"ם: די אַל[...] ענינים וואָס האָבן געפעלט אין דע[...] שלימות פון קיום התומ"צ (מצד דע[...] וואָס עס האָט געפעלט אין שלימות כ[...] ישראל וביהמ"ק — וואָס דאָס אי[...] כללות ענין הגלות) — ווערט נשל[...] דורך משיח'ן. און אויך אין דעם בּאַ[...] שטייט וואָס משיח איז מחזיר „מלכו[...] בית דוד ליושנה כו' וחוזרין כל המשפ[...]

67) תויו"ט סוף מס' עדיות. של"ה תט, א. וה[...] ע"פ זח"ג כח, א. ועייג"כ ערוך השלם בערכו.

68) ברש"י שה"ש (א, ב) מפורש שלעת"ל הקב[...] מגלה טעמי תורה (מבלי לפרט ע"י מי כמו בנגי[...] — שמשה קבל וכו') ובאותיות דרע"ק אות ז (יל[...] ישעי' רמז תכט בתחלתו): והקב"ה דורש לו[...] (לצדיקים בג"ע) טעמי תורה חדשה שעתיד הקב[...] ליתן להם ע"י משיח (וביל"ש שם ליתא תי[...] „טעמי"). וראה הנסמן בהערה הבאה.

69) רמב"ם הל' תשובה שם. ובפיה"מ להרמב[...] (סנהדרין ר"פ חלק ד"ה ועתה אחל): ונפלאות יתג[...] על ידו (כ"ה הלשון בהעתקת קאפח. ובפיה"מ לפנ[...] בא בהמשך למש"כ לפנ"ז: ויעבדוהו כל הארצ[...] לצדקו הגדול ולנפלאות שיהא על ידו). וראה לקו[...] צו יז, ב. שער האמונה פנ"ו ואילך. סהמ"צ להצ[...] מצות מינוי מלך פ"ג.

70) הל' מלכים רפי"א.

71) לקו"ש חי"ח ע' 277 ואילך.

63) כנוסח אני מאמין.

64) קדושין בסופה.

64*) ראה לקו"ד ח"ג תכב, א (סה"ש תש"ג ע' 73).

65) מנחות ה, א.

66) סנהדרין צח, א.

טים" — ער ברענגט צוריק די שלימות הלכות ומצות התורה.

און וויבאלד אז די חפצא (תורה ומצות) איז דאן בשלימות, וועט דעמאלט אויך דער קיום מצד הגברא זיין בשלימות ווארום „ינוחו ממלכיות שאינן מניחות להם לעסוק בתורה ומצות כהוגן"[72] און „יהיו פנויין בתורה וחכמתה"[73]. נאכמער: „ובאותו הזמן לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות כו' ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד כו'"[74].

און אין דעם באשטייט די אמונה אין ביאת המשיח און דער „מחכה לביאתו" וואס דער רמב"ם זאגט בהמשך להנ"ל[75]: דער לימוד התורה און דער קיום המצות איז דורכגענומען מיט דער אמונה אז דאס ברענגט אים און די גאנצע וועלט צו דער שלימות לימוד וידיעת התורה, פון מצות וקיומן און צו דער שלימות פון ידיעת הבורא — אין דעם באשטייט דער „מחכה לביאתו" כנ"ל.

יא. עפ"ז יש לומר אז דאס איז איינער פון די טעמים וואס בדורות הראשונים האט די סדרה געהייסן „זאת תהי'" און דוקא בדורות האחרונים ווערט זי גערופן „מצורע" (כנ"ל סוף ס"א)[76]:

בדורות הראשונים, וועלכע זיינען געווען ווייטער פון זמן הגאולה, האט זיך די גאולה אנגעהערט אין אן אופן פון „זאת תהי'" — אן ענין וואס וועט זיין בעתיד, בנפרד; ובמילא, איז די עבודה ניט געווען דורכגעדרונגען עד כ"כ מיט דעם הרגש, אז דער קיום התומ"צ גופא קומט גלייך לשלימותו אויך בעולם.

אבער אין די דורות האחרונים, וועלכע ווערן אנגערופן „עקבתא דמשיחא", הערט זיך ביי אידן א סך מער דער ענין פון משיח'ן, און דערפאר ווערט די סדרה אנגערופן בדורות אלו מיטן נאמען „מצורע" — אידן הערן און פילן, ופשיטא אז מזלייהו חזי — אין זייער עבודה אז אט־אט קומט משיח, ובמילא — המעשה הוא העיקר — מ'ז מען נאך מער מוסיף זיין אין תומ"צ, די וועלט זאל קומען לשלימותה וואס שנעלער און מקיים זיין מצות „כמצות רצונך"[77] בביאת משיח צדקנו אין דעם ביהמ"ק השלישי.

יב. ע"פ הנ"ל (סעיף ו), יש להמתיק עוד יותר, וואס דוקא בדורות האחרונים ווערט די סדרה אנגערופן „מצורע":

כשם ווי דאס איז ביי אן אדם פרטי, אז דוקא דער ענין פון נגעים („מצורע") ווייזט אויף אן אדם השלם „שמוכשרין מעשיו ותיקן כל הדברים והבחי' שלמע־לה"[78], ס'איז נאר אז די בחי' „התחתונה שבו לא נתברר הרע והפסולת ממנו"[78], און דערפאר ווערן נולד סימנים גשמיים נאר בעורו, לרמז, אז נאר „בסוף לבושיו" איז געבליבן פסולת וואס איז נאך ניט נתברר געווארן —

עד"ז איז בנוגע לכללות עם ישראל: וויבאלד אז בדורות האחרונים פון

72) רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב. עיי"ש ובהלכה א שם.

73) רמב"ם הל' מלכים פי"ב ה"ד. עיי"ש ובהל' תשובה שם ה"ב „שמפני זה נתאוו כל ישראל כו' לימות המשיח". וראה בארוכה — פיה"מ להרמב"ם שם.

74) רמב"ם ספי"ב מהל' מלכים.

75) ברפי"א שם. וראה לקו"ש שם ע' 278 ואילך.

76) ראה לקו"ש ח"ז ע' 103 ואילך.

77) ראה תו"ח ר"פ ויחי. המשך וככה תרל"ז פ"ז ואילך.

78) לשון הלקו"ת שנסמן לעיל שם.



עקבתא דמשיחא האלט מען גאר נאענט צו ביאת המשיח, דערפאר פילט מען איצט דעם תוכן נעלה פון בחי' „מצורע", כנ"ל, אז די פנימיות פון כלל ישראל איז שוין נתברר געווארן (דורך דער עבודה פון אידן במשך כל הדורות), און עס איז געבליבן אויף צו מברר זיין נאר די פסולת און חיצוניות פון „סוף לבושיו".

יג. ע"פ הנ"ל איז אויך מובן וואס מ'געפינט אין סנהדרין[79], אז אליהו האט געזאגט צו רבי יהושע בן לוי אז משיח „יתיב ביני עניי סובלי חלאים", און רש"י איז מפרש: „מנוגעים והוא נמי מנוגע". אויך — די שקו"ט אין גמרא[80] וועגן שמו של משיח און לדעת רבנן „חיוורא דבי רבי שמו (מצורע של בית רבי — רש"י) שנאמר[81] אכן . . חשבנוהו מנוגע גו'".

איז לכאורה תמוה: ווי קומט עס, אז משיח זאל אנגערופן ווערן „מנוגע" און „מצורע"?

בשלמא דאס וואס משיח לײדט יסורים בכלל („ביני . . סובלי חלאים") קען מען פארשטיין, ווי רש"י הנ"ל אין גמרא ברענגט דעם פסוק[82] „והוא מחולל מפשעינו וכתיב[81] חליינו הוא נשא", ועד"ז ברענגען די רבנן אין גמרא די ראי' אויפן נאמען פון דעם פסוק הנ"ל — וואס איז אבער דער דיוק און דער תוכן פון דעם ענין הנגעים של משיח?

וע"פ הנ"ל י"ל הביאור אין דעם: נגעים ברענגען ארויס דעם מצב פון אידן אין זמן פון עקבתא דמשיחא, אז ס'איז דא די „התבררות הרע" אין פנימיות הגוף והנפש (פון כלל ישראל) און ס'איז געבליבן רע נאר בחיצוניות, אזוי אז מ'האלט שוין בא דעם מצב פון „זכר".

— ועפ"ז איז מובן אויך דער ענטפער פון משיח צו ריב"ל[66] (אויף זיין שאלה „לאימת אתי מר") „א"ל היום", און די הסברה פון אליהו „הכי אמר לך היום[83] אם בקולו תשמעו":

כלל בתורה — אין מקרא יוצא מידי פשוטו[84], מען מיינט ניט שולל זיין דעם פירוש הפשוט פון „היום" וואס משיח האט געזאגט, אז היום איז א מצב פון „זכר" און מ'איז ראוי ער זאל קומען „היום", נאר מען איז מסביר, אז דאס וואס „לא אתא" איז ווייל עס האט גע־פעלט די שלימות פון „בקולו תשמעו", דער גמר הבירור פון חיצוניות הרע —

ובפרט בדורותינו אלו, אז אידן הערן און פילן אז משיח איז „הנה[85] זה עומד אחר כתלינו"[86]; און נאכמער: דער כותל האט שוין „חלונות" און „חרכים", און נאכמער: משיח איז „משגיח[85] מן החלו־נות מציץ מן החרכים" — ער איז „משגיח" און קוקט אויס, ווען מיר וועלן שוין פארענדיקן די „פכים קטנים", „צו־פוצן די קנעפלעך"[87] און פארענדיקן דעם בירור „שבסוף לבושיו" —

וואס דעמאלט קומט משיח תיכף ומיד, „ארו[88] עם ענני שמיא כבר אינש

79) שם.

80) שם ע"ב.

81) ישעי' נג, ד.

82) שם. ה.

83) תהלים צה, ז.

84) שבת סג, א.

85) שה"ש ב, ט.

86) ראה קול קורא לכ"ק מו"ח אדמו"ר (נדפס בהקריאה והקדושה תש"א) דמפרש זה על משיח.

87) ראה שיחת שמחת תורה תרפ"ס.

88) דניאל ז, יג (ושם: אנש) — הובא בסנהדרין שם, א.